28 זאָלסט נישט נואפן! איך אָבער זאָג אייך, אַז יעדער
איינער, וואָס קוקט אויף אַ פרוי, זי צו גלוסטן,
29 האָט שוין גענואפט מיט איר אין זיין האַרצן. און
אויב דיין רעכטע אויג פאַרפירט דיך צום שטרויכלען,
נעם עס אַרויס, און וואַרף עס אַוועק פון דיר;
ווארום עס לוינט זיך דיר, אַז איינס פון דיינע
אברים זאָל פאַרלוירן גיין, און נישט דיין גאַנצער
30 גוף זאָל געוואָרפן ווערן אין גיהנום אַריין. און
אויב דיין רעכטע האַנט פאַרפירט דיך צום שטרויכ־
לען, האַק זי אָפּ, און וואַרף זי אַוועק פון דיר;
ווארום עס לוינט זיך דיר, אַז איינס פון דיינע אברים
זאָל פאַרלוירן גיין, און נישט דיין גאַנצער גוף זאָל
31 גיין אין גיהנום אַריין. און עס איז געזאָגט געוואָרן:
ווער עס שיידט זיך פון זיין ווייב, זאָל ער איר
32 געבן אַ גט. איך אָבער זאָג אייך, אַז יעדער איינער,
וואָס שיידט זיך פון זיין ווייב, אַחוץ צוליב אַ פאַל
פון זנות, מאַכט ער זי מזנה צו זיין. און ווער עס
33 האָט התונה מיט אַ גרושה, דער איז מזנה. ווידער
האָט איר געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן צו
די קדמונים: זאָלסט נישט שווערן פאַלש, זאָלסט
אָבער אָפּצאָלן דיינע שבועות צום האר (ג־ט).
34 איך אָבער זאָג אייך, שווערט לגמרי נישט; נישט
35 ביים הימל, ווייל עס איז גאָטס כסא הכבוד. נישט
ביי דער ערד, ווייל זי איז אַ פיסבענקעלע פאַר
זיינע פיס; נישט ביי ירושלים, ווייל דאָס איז די
36 שטאָט פון דעם גרויסן מלך. זאָלסט אויך נישט
שווערן ביי דיין קאָפּ, ווייל דו קענסט נישט קיין
37 איינציקע האָר ווייס אָדער שוואַרץ מאַכן. נאָר
זאָל אייער וואָרט זיין: יאָ, יאָ; ניין, ניין! און וואָס
איז מער ווי די דאָזיקע איז פונם בייזן.
38 איר האָט געהערט, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן: